THE ISRAELITE PRESS
The only Jewish Newspaper in Western Canada.

דאס אידישע ווארט

Office and Place of Business: New Israelite Press Bldg., 165 Selkirk Ave. East
Published daily except Saturday and Sunday
ENTERED AS SECOND-CLASS MAIL MATTER AT OTTAWA
Subscription: $6.00 per year
Est. 1910 Phones: 55 409—52 213
Winnipeg — Manitoba

א פריידנס דעמאנסטראציע

בעת די פלאטן קאנפערענץ אין לאנדאן האלט אין איין פשט'לען זיך וועגן דעם, ווי מען זאל צוטרעטן צו דער פראגע פון באגרעניצן די קריגס פלאטן, האט די בריט'שע ארבעטער רעגירונג געצייגט מיט ממשות'דיקע מעשים, ווי מען דארף דאס טאן: פאר די לעצטע פאר וואכן האט זי אליין געשניטן באדייטנדיק איר אייגענע פלאטן-בוי פראגראם.

צוערשט האט די בריטישע רעגירונג ענדגילטיק אפגעשטעלט דעם בוי פון צוויי צען-טויזנט טאניקע קרייצערן, וועלכע מען האט שוין געהאט אנגעהויבן בויען, און וועלכע מען האט ציטווייליק סוספענדירט, ווען פרעמיער מאקדאנאלד איז געפארן קיין וואשינגטאן צו פרעזידענט הואווער. לעצטע וואך האט די רעגירונג ווייטער פארקלענערט איר פלאטן-בוי פראגראם פאר דעם לויפנדיקן יאר, וועלכע איז שוין גוטגעהייסן געווארן פון פארלאמענט, נאך אויף איין צען-טויזנט טאניקן קרייצער און איין לייכטן קרייצער.

די קאנפערענץ ווערט אייגנטלאך דורכגעפירט, ווי פאקטיש אלע וואפענונג קאנפערענצן, אין אן אטמאספערע פון אומצוטרוי און פארדאכט. יעדער צד איז חושד דעם צווייטן, אז יענער איז בעצם ניט אויסן קיין אייגענע מיליטערישע אפשוואכונג, נאר זוכט בלויז ארויפצוצווינגען באגרעניצונגען אויף דעם צווייטן. יעדער צד זוכט דערפאר אויסצודינגען וואס וויניקער באגרעניצונגען פאר זיך, און וואס מער — פאר יענעם.

דאס גאנצע "פשט'לען זיך" אויף דעם, ווי אזוי מען זאל שאפן דעם באזיס פאר די באגרעניצונגען, איז געריכטעט אויף דער דאזיקער ליניע. ווען פראנקרייך וויל, למשל, מאכן טאנאזש פאר דעם באזיס פון באגרעניצונגען, איז דאס דערפאר, ווייל זי איז מער פאראינטערעסירט אין דעם בוי פון א גרעסערער צאל שיפן פון קליינעם טאנאזש, הויפזעכלאך סובמארינען, — בעת פאר אזא ים-מאכט ווי ענגלאנד זיינען דוקא וויכטיק קריגס שיפן פון גרעסערן טיפ, און א טאנאזש באגרעניצונג וועט באזונדערס שווער ווירקן אויף איר פלאט.

ווען אין אזא אטמאספערע פון אומצוטרוי קומט ענגלאנד און שניידט פרייוויליק איר פלאטן פראגראם אויף פיר קרייצערן, איז דאס א וויכטיקע דעמאנסטראציע פאר פרידן. די בריטישע ארבעטער רעגירונג דערווייזט דערמיט, אז זי גלויבט מיט אן אמת'ן אין דער ארבעט פון דער פלאטן קאנפערענץ און איז שוין גרייט צו שניידן איר פלאט אויפ'ן סמך פון די באשלוסן, וואס די קאנפערענץ דארף ערשט אננעמען.

פונ'ם מיליטערישן שטאנדפונקט איז דאס א ריזיקאלישער שריט, און בריטישע צייטונגען פון קאנסערוואטיווער ריכטונג קריטיקירן שארף מאקדאנאלדס רעגירונג פאר איר צוגעאיילטער, אין זייער מיינונג, האנדלונג, וואס קאן אוועקשטעלן אין געפאר דעם צושטאנד פונ'ם בריטישן פלאט.

אבער פרעמיער מאקדאנאלד געפינט קאנטיק, אז עס לוינט זיך צו נעמען דעם דאזיקן שריט. ער גלויבט, אז ער וועט דערמיט העלפן אפרייניקן די אטמאספערע ביי דער קאנפערענץ און וועט שאפן א געזינטערע אטמאספערע פון קעגנזייטיקן צוטרוי און מער ערנסטער גרייטקייט צו גיין אויף הנחות.

פרעמיער מאקדאנאלד איז, אן צווייפל, באמת פאראינטערעסירט אין שניידן די פלאטן, ניט נאר כדי צו פארלייכטערן די שווערע לאסט פון די פלאטן-בודזשעטן, נאר אויך כדי צו העלפן דורכדעם אויסמיידן מלחמות אין דער צוקונפט. אויסער דעם איז ער אבער שטארק פאראינטערעסירט אין דעם דערפאלג פון דער איצטיקער קאנפערענץ, ווייל אן דעם היינגט אפ דער פרעסטיזש פון זיין רעגירונג אין די אויגן פון די בריטישע וויילער גופא, וועלכע דערווארטן זייער פיל פון איר.

צו ווייט אויפ'ן וועג פון ברייננגען "קרבנות" אויפ'ן חשבון פונ'ם בריטישן פלאט קאן פרעמיער מאקדאנאלד ניט גיין, — ער קאן מיטאמאל ניט ברעכן די ענגלישע ים-טראדיציע. ער מוז דא האנדלען זייער פארזיכטיק, ניט אויפצורייצן צופיל די בריטישע געפילן פאר זייער פלאט. אבער די שריט וואס ער האט שוין געמאכט זיינען גאנץ געוואגטע, און ער דערווארט מסתמא, אז זיי זאלן האבן די נויטיקע פסיכאלאגישע ווירקונג אויף דער קאנפערענץ.

אויף וויפל ער וועט דערגרייכן זיין ציל, פארבלייבט נאך צו זען.

וויניפעג דארף קריגן גלייכע וואל־רעכט

די שטאט וויניפעג האט איבער א דריטל פון דער גאנצער באפעלקערונג פון מאניטאבא. איר פארטרעטערשאפט אבער אין דער לעגיסלאטור פון דער פראווינץ איז בלויז צען פון א סך-הכל פון דריי-און-פופציק, דאס הייסט, וויניקער ווי א פינפטל, אדער בלויז עטוואס מער ווי האלב פון דעם וואס איר קומט.

עס קומט אזוי אויס, אז דער וויילער פון אויסער וויניפעג האט, אין דורכשניט, א שטים וואס איז צוויי מאל שטארקער, ווי די שטים פון א וויניפעגער וויילער. עס זיינען אבער דא איניקע וואל-קרייזן אין דער פראווינץ, וואו יעדן וויילערס שטימע האט די וואג פון דריי שטימען פון וויניפעגער וויילער.

עס איז ניטא קיין איינציקע וואגיקע אורזאך, פארוואס א וויילער פון א פארווארפענעם ווינקל פון דער פראווינץ זאל האבן דריי מאל מער שטימרעכט, ווי א וויניפעגער בירגער. דער דאזיקער פארווארפענער וויילער צאלט זיכער ניט קיין העכערע שטייערן פון דעם דורכשניטלאכן וויניפעגער בירגער, און איז פאליטיש ניט מער באוואוסטזיניק פון דעם לעצטן. גיכער איז עס פארקערט.

פון די 53 מיטגלידער פון דער לעגיסלאטור, האט וויניפעג לויט דער פראפארציע פון איר באפעלקערונג, געדארפט האבן ניט וויניקער ווי אכצן אנשטאט די צען וואס זי האט. דאס וואלט אוועקגעשטעלט די וויניפעגער בירגער אויף דעם זעלבן פלאך פון וואל-רעכט, ווי די בירגער פון די איבעריקע טיילן פון דער פראווינץ.

וויניפעגער פארשטייער אין דער לעגיסלאטור האבן שוין א סך מאל געפאדערט די אויסגלייכונג פון די וויניפעגער בירגער אין זייער וואל רעכט, אבער דערוויילע אן רעזולטאטן. די טעג האט מר. העיג ווידער געפאדערט פון דער רעגירונג א נייע "דיסטריבוציע" פון די וואל-קרייזן אין דער פראווינץ, וואס זאל אויסגלייכן וויניפעגער באפעלקערונג אין איר וואל-רעכט.

מר. העיג האט אגב אויך פארגעשלאגן צו פארקלענערן די צאל מיטגלידער אין דער לעגיסלאטור פון דריי-און-פופציק, אויף פערציק. מען קאן מיט אים איינשטימען, אז פאר אזא פראווינץ ווי מאניטאבא איז גאנץ גענוג אויסצוהאלטן א לעגיסלאטור פון פערציק מיטגלידער. מיר דיינקען אבער ניט, אז די דאזיקע פראגע איז אזוי וויכטיק, ווי די פראגע פונ'ם גלייכן וואל-רעכט פון די וויניפעגער בירגער. צוליב דעם לעצטן וואלט זיך אפשר געלוינט פארגרעסערן די צאל מיטגלידער פון דער לעגיסלאטור, אויף וויפל ס'איז שייך וויניפעג, אויב מען וויל ניט אויסברייטערן צוליב געוויסע אורזאכן די אויסער-שטאטישע וואל-קרייזן.

לוידער איז שווער צו דערווארטן, אז די איצטיקע רעגירונג, וואס שטיצט זיך הויפטזעכלאך אויף דער פארמער באפעלקערונג, זאל איינוויליקן אויף וועלכע ס'איז הנחות אין דער הינזיכט. זי קאן דאך פון וויניפעגער שטאטישע באפעלקערונג דערווארטן זייער וויניק שטיצע פאר זיך אין די שטאטישער באפעלקערונג דערווארטן זייער וויניק שטיצע פאר זיך אין די מערשאפט פון דער שטאט.

„נידער מיט די מיגראנטן"

(פעליטאן)

פון י. בן-דוד

געבענטשט זאל זיין אונזער פראווינציעלע רעגירונג! אימער אויף דער וואך צו פארטיידיקן די אינטערעסן פון אונזער פראווינץ. "שומר סאסקאטשעוואן" לא ינום ולא יישן!

איר האט דאך געהערט מסתמא פון די מענאניטן פון רוסלאנד מיט וועלכע מיסטער פארק האט געוואלט פארפלייצן אונזער פראווינץ, אויב אונזער פראווינציעלע רעגירונג וואלט עס ניט פארהיט.

איר האט דאך אויך געהערט ווי עס איז געלונגען דער סי. פי. אר. צו אראנזשירן אריינצוברייננגען א טייל פון זיי אונטער איר אפמאך.

אבער דערפון האבן די וועלכע זיצן אויף דער אנדערער זייט פון דער אויסגעטריקנטער קאליוזשע פארדאפלט זייער וואך, אז מען זאל שוין אזא זאך ניט קאנען מער טאן.

לעצטע וואך איז ארויסגעגאנגען א קלאנג, אז אויף דער אנדערער זייט פון דער גרעניץ גרייטן זיך גאנצע מאסן פון אומגעווינשטע פרעמדע אריינצוקומען אין קאנאדע אזוי גיך, ווי דער שניי וועט נאר אראפגיין.

פרעמד געבארענע זיינען זיי און אויך פרעמד־שפראכיקע. קיין נארדיקס זיינען זיי ניט. קיין בלויע אויגן און לאנגע קעפ האבן זיי ניט.

פון אסימילאציע מיט קאנאדער בירגער איז שוין אפגערעדט, קיין קעניג אנערקענען זיי ניט. פון אלע אונזערע געזעצן לאכן זיי דאויס און ביי זיי האט ניט קיין דעמאקראטיע אדער פאליטישע ארדענונג קיין ווערט.

פון סאציאלן שטאנדפונקט זיינען זיי אויך ניט זייער ווינשנסווערט. יעדער פרוי האט זייער א סך קינדער און די מוטערס לאזן איבער זייערע קינדער אויף הפקר. קיין פאמיליע זיינען ניטא ביי זיי. לעבן — לעבן זיי אויף א זייער נידעריקן "סטאנדארד" זיי לעבן אפילו אויף פיל וויניקער ווי א כינעזער.

קיין פלייש פארזוכן זיי אפילו קיין איין מאל אין דער וואך ניט.

אין זייערע רייזעס ארום לאנד צאלן זיי קיינמאל ניט קיין באן־געלט. זיי פארן ניט אפילו "מיט דעם קאנדוקטאר". אלעס נעמען זיי אומזיסט.

קיין פארמערס זיינען זיי ניט. קיין ארבעטער ניט, און אפילו קיין "סטארקיפערס" אויך ניט. זיי זיינען אבסאלוט ניט קיין פראדוקטיווע מענשן. זיי זיינען שוין די אמת'ע פאראזיטן!

זיי טוען קיין האנט ניט אריין אין קיין קאלט וואסער. אבער לעבן, לעבן זיי פון דעם גרייטן, פון יענעמס הארעוואניע.

קאנאדע האט שוין אמאל געהאט צרות פון דעם טיפ "אימיגראנט". אידן קאנען אים שוין פון לאנג.

טראץ די אלע קוואטא געזעצן האבן שוין די פאראייניקטע שטאטן אויך פיל געליטן פון זיי די לעצטע פאר יאר.

* * *

אבער אט האבן זיך שוין די "אומגעווינשטע עלעמענטן" באוויזן ביי די גרעניצן פון סאסקאטשעוואן!

די רעגירונג האט באשלאסן צו באהאנדלען די פראגע "אן העגטשיקעס".

מער וועט זי זיך ניט לאזן פארפירן מיט שיינע ווערטער וועגן טאלעראנץ, רחמנות, און א. וו.

זאל קאסטן וואס עס וויל. סאסקאטשעוואן האט באשלאסן אז די אומגעווינשטע עלעמענטן זאלן ניט אריינקומען אין דער פראווינץ, און אויב עטלאכע וועלן זיך יא אריינ'גנב'ענען, — וועט מען אנווענדן קעגן זיי די שטרייננגסטע מיטלען.

פון "פריזאן", דעפארטאציע, איז אפגערעדט! — עס וועט אפשר קלינגען שווידערלאך אין אייערע אויערן, אבער די שטראף, וועלכע די רעגירונג האט פאר דעם באשטימט פאר יעדן פון זיי, וועלכער וועט זיך אריבער'גנב'ענען איבער דער גרעניץ איז — טויט שטראף!

יעדער איז באפולמעכטיקט צו טויטען די אומגעווינשטע אימיגראנטן וואו מען זאל זיי ניט באגעגענען; איינציקווייז צי גאנצע מאסן.

עס איז דערלויבט צו נוצן יעדן קריגס-מיטל, גריבער, גיפט, גיפטיקע גאזן, דערשטיקן א. א. וו. די רעגירונג מאביליזירט אלע אירע קרעפטן. וועט ליפערן פרייע גיפט צו אלע בירגער און וועט באדאנקען די אלע, וועלכע וועלן אנטייל נעמען אין דעם קאמף אנטקעגן די "אומגעווינשטע" און ניט "פארגעצויגענע" אימיגראנטן.

עס פארשטייט זיך, אז עס האבן זיך גלייך אנגעשלאסן אן דעם קאמף דער "ווירדיקער" בישאפ לאיד און זיינע חסידים, אויך די ענגלישע, סקאטישע און קאנאדישע פאראיינען. נאר איר וועט אפשר זיין אנטוישט צו הערן, אז עס שליסן זיך אויך אן אינ'ם קאמף די אוקראינער, די דייטשן, די אונגארן און אויך אפילו די אידן, און ספעציעל אלע פארמער ארגאניזאציעס.

ניין, איך דערצייל אייך ניט קיין באבע מעשיות. עס איז דער ריינער אמת! אויב איר גלויבט ניט דאן פרעגט זיך אן ביי דעם פארלאמענט פון רעדזשיינע.

ווילט איר דאך וויסן ווער זיינען זיי עס די אומגעווינשטע אימיגראנטן אנטקעגן וועמען די רעגירונג האט אנגענומען אזעלכע שטרייננגע מיטלען.

קיין אידן זיינען זיי ניט. טראצדעם, וואס עס זיינען פאראן אזעלכע מענשן וועלכע וואלטן טאקע געוואלט ענלאכע מיטלען קעגן די אידן אויך, אויב מען וואלט זיי געלאזט.

קיין ציגיינער זיינען זיי אויך ניט.

ווער זשע זיינען זיי? וועל איך אייך זאגן גאנץ פשוט און אין איין ווארט: היישעריקעס! "גרעס האפערס"! סאסקאטשעוואן האט גענוג געליטן פון זיי אין די פריערדיקע יארן און האט באוויזן אויס'הרג'ענען אדער פארטרייבן זיי.

איצט האבן זיי זיך נאכאמאל באוויזן ביי דעם אמעריקאנער גרעניץ און דער דעפארטמענט פון אגריקולטור פון דער פראווינציעלער רעגירונג האט דערפאר ארויסגעלאזט דעם אויפרוף צו אלע איינוואוינער "להשמיד להרג ולאבד" — אלע די היישעריקעס.

און די אימיגראנטן פרעסער לעקן זייערע ליפן און באדויערן וואס זיי האבן ניט דאס רעכט צו נוצן די זעלבע מיטלען.

רעדזשיינע, יאנואר דעם 23טן, 1930.

דער אידישער ישוב אין בראזיל

(א בריוו פון בראזיל)

פון יעקב נאכבין

אין בראזיל עקזיסטירן צוויי ערליי אידישע עדה'ס, א ספרדישע און אן אשכנזישע. די ערשטע איז די עלטסטע אין לאנד, און איז צוזאמענגעשטעלט פון מאראקאנישע, שפאנישע, אראבישע און טערקישע אידן. זיי שטעלן מיט זיך ניט פאר דעם מין איד וועלכער ווערט בדרך כלל באצייכנט מיט'ן נאמען "יהודי". זיי זיינען ארגאניזירט און לאזן זיך מקרב זיין צו נאציאנאלע אונטערנעמונגען. אין דער הויפט שטאט האבן זיי אן איינגענעם בנין וואו עס פארזאמלט זיך זייערע אן אינסטיטוציע אונטערן נאמען "בני הערצל".

די צווייטע אידן שטעלן מיט זיך פאר די מזרח אייראפייאישע אימיגראנטן מיט א מערהייט איבער'ן גאנצן לאנד. עס זיינען אויך פאראן פראנצויזישע, דייטשע, האלענדישע, עסטרייכישע און ענגלישע אידן, וואס קאנען פארעכנט ווערן אלס דער יהודישער טיפ אין בראזיל. די לעצטע האבן זיך להלוטין איזאלירט סיי פון די ספרדישע און סיי פון די אשכנזישע אידן. זיי זיינען פארטראטן אינ'ם גרויס האנדל פון אימפארט און פינאנצן. מען וויסט ניט צי די דאזיקע אידן האבן וועלכע ארגאניזאציאנעלע פארבינדונג צווישן זיך. פונדעסטוועגן, איז באקאנט געווארן אז אין יאר 1887, האט א גרופע פראנצויזישע אידן, באגריסט דעם בראזיליאנער קייזער דאן פעדרא דער צווייטער, אין א טאג ווען ער איז ניצל געווארן פון אן אטענטאט.

אויסלאזנדיק אין א זייט די היסטארישע עפאכע פון אידן אין בראזיל, וועלכע הויבט זיך אן אין יאר 1,500, און שפרייט זיך פאנאנדער מיט א ברייטע כראנאלאגיע איבער'ן גאנצן לאנד, און איבער'ן גאנצן דרום - אמעריקאנישן קאנטינענט, — קאן מען דאס מאדערנע ווידערשיינען פון אידן אין בראזיל איינטיילן אין דריי פעריאדן:

1. די ספרדישע אידן וועלכע זיינען טיילוויז "צוריקגעקומענע" צום אידנטום פון אמאליקער אסימילאציע אדער אנוסים; און טיילוויז ספרדים וואס זיינען איבערגעקומען קיין בראזיל נאכדעם ווי דער גרויס פירסט פאמבאל האט אין יאר 1773 גע'פועל'ט, א סוף צו מאכן צו דער אינקוויזיציע אין פארטוגאל-בראזיל. זייער אימיגראציע האט זיך אנגעפאנגען בערך מיט הונדערט און פופציק יאר צוריק.

2. דער פעריאד פון דער אימיגראציע פון יהודים קאן גערעכנט ווערן מיט דעם אנפאנג פון נייגצענטן יאר הונדערט, און

3. די אימיגראציע פון די מזרח-אידן וואס פאנגט זיך אן מיט דער קאלאניזאציע טעטיקייט פון דער "איקא" אין בראזיל, אין די נייגציקער יארן פונ'ם פריערדיקן יארהונדערט.

מען קאלקולירט אז אין זעכצן שטאטן פון בראזיל וואוינען ניט ווייניקער פון פערציק טויזנט אידן, ד. ה. איין פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. דער קערן פונ'ם איצטיקן אידישן ישוב אין בראזיל איז דער בעסאראבער אידישער אימיגראנט. ער ווערט אבער פארגאסן פון א נייעם צופלוס פון פוילישע און ליטווישע אימיגראנטן וועלכע מאכן אויס אכציק פראצענט פון דער אלגעמיינער אידישער אימיגראציע אין לאנד.

די בעסאראבער אידן האבן אין בראזיל פארפלאנצט פעדלעריי. פשוט'ע אידען, אבער מיט א גוטן כאראקטער און מיט א סענטימענט פון אחדות, פאר זייערע לאנדסלייט, האט זיך איינער דעם אנדערן געשטיצט מיט קרעדיט און מיט געלט ביז'ן אויפקום פון בעסאראביש-אידישע הורט-געשעפטן און אינדוסטריאלן. כאראקטעריסטיש פאר זייער סענטימענט פון אחדות איז זייער געזעלשאפטלאכע ארגאניזירונג אין פאראיינען וואס האבן כמעט אין אלע פראווינצן געטראגן דעם זעלבן נאמען: "אגודת אחים", אדער "עזרה".

מיט דרייסיק און צוואנציק יאר צוריק האבן זיך אין בראזיל געטראפן א ניט אידישע סביבה מיט פיל קנאפערע קולטור באדינגונגען ווי דאס אפגעשטאנענע בעסאראביע איז דאמאלסט געווען. א דאנק דעם האבן זיי זיך פון אנפאנג גרופירט אין פאראיינען מיט ביבליאטעקלאך, בתי תפילות, וואס זיינען געוואקסן צו גרויסע אינסטיטוציעס אין ריא דע זשאנאירא און אין די הויפט שטעט פון אנדערע זעכצן שטאטן.

די צוגלאזנקייט פון דעם איינגעבארענעם בראזיליאנער און זיין אידעאלע באציאונג צום אויסלענדער בכלל, האט דערמעגלאכט אפילו דעם פשוט'ן בעסאראבער איד צוצוקומען ביז צו די הויכע פענסטער פון אפיציעלע קרייזן. אין מאנכע שטעט האבן זיך אידן קונה שם געווען אלס פייאיקע מענשן, און האבן זיך אפגעשפארט א געהעריקן איינפלוס אין די רעגירונגס ספערן. בכלל האבן די בראזילישע רעגירונגען א גוטע באנעמונג צו דער אידישער באפעלקערונג, ניט קוקנדיק אויף מאנכע פראוואקאציעס פון אויסלענדישע אנטיסעמיטן.

אין ריא - גראנדע - סול (דרום בראזיל) קורטיביא, און אין ריא דע זשאנעירא, האבן אין איין צייט דייטשן מיט פאליאקען פארשפרייט פאמפלעטן מיט העצעס קעגן די אידן אין בראזיל. אבער דאס איז גיך אונטערדריקט געווארן מיט דער הילף פונ'ם פארניפטיקן בראזיליאנישן זשורנאליזם. געהיימע אייראפייאישע ארגאניזאציעס, האבן שוין געפרואווט צו פארגיפטן די פארלאמענטארישע קרייזן, מיט העצעס צירקולארן, מיט געפעלשטע אינסינואציעס. אבער זיי האבן קיין שום ווירקונג ניט געהאט. די בראזיליאנישע רעגירונגען געדיינקען די ראל וואס בראזיל האט געשפילט ביים אונטערשרייבן דעם מאנדאט איבער ארץ-ישראל, און אנערקענען זייער אפט דעם ווירטשאפטלאכן אנטייל פון די בראזיליאנישע אידן אין דער נאציאנאלער עקאנאמיע.

אין קליינע עטלאכע יאר האבן אידישע קליין הענדלער באוויזן צו מאכן א היבשן איבערגאנג פון פעדלעריי צו גרויס-האנדעל; אינדוסטריע און ארבעט. אין פילע שטעט איז די מעבל אינדוסטריע אין סאמע אידישע הענט; א שטארקער פראצענט אין לאנד מאכט אויס די נאדל בראנזשע פון אידן, לעדער ארטיקלען, שטריקעריי, בוי-מאטעריאלן און אנדערע זיינען שוין פארשפרייטע אינדוסטריעס ביי אידן אין ריא דע זשאנאירא. אויך ביי ארוואקאטור, מעדיצין, כירורגיע, זשורנאליזם און אין אנדערע פרייע פראפעסיעס, האבן אין יעדן אריינגערונגען צו אן אנגעזעענעם מאסשטאב. די מעגלאכקייטן אין בראזיל אויף די סאציאל-פאליטישע, עקאנאמישע און קולטורעלע געביטן זיינען פריי פאר אלערליי קלאסן, און פאר יעדן לויט זיינע פייאיקייטן.

די הויפט שטאט מיט קנאפע 20 טויזנט אידן פארמאגט עטלאכע און פערציק פאליטישע, קולטורעלע און ווירטשאפטלאכע אידישע אינסטיטוציעס, מיט נאך צוויי מאל אזויפיל אידישע ארגאניזאציעס איבער'ן גאנצן לאנד.

די איינפלוסרייכסטע ארגאניזאציע אין בראזיל איז די ציוניסטישע פעדעראציע, גרופירנדיק ארום זיך צענטערן אין אלע אידישע ישובים. איר הכנסה פאר פאלעסטינע פאנדן איז ניט ווייניקער פון פינף און צוואנציק טויזנט דאלאר א יאר. איצט האט בראזיל נאר צוויי אידישע צייטונגען: איינע אונטער דעם נאמען "אידישע פאלקס צייטונג" מיט א גרויסער צירקולאציע, רעפרעזענטירנדיק דעם נאציאנאלן באוואוסטזיין פונ'ם רוב-בנין פון דעם בראזילישן אידישן ישוב. א צווייטע, "אנהויב" איז איר נאמען, רעפרעזענטירט א ראדיקאלע גרופע אין דער הויפט שטאט.

אויך אויפ'ן געביט פון ליטעראטור זיינען פאראן איניקע יונגע כחות וואס צייכענען זיך אויס אין דיכטונג, פראזע און טעאטער. אלע שאפן זיי כאראקטעריסטישע מאמענטן פונ'ם אידישן לעבן אין בראזיל. איניקע פון זיי, האבן זייער שריפטשטעלערישן אנפאנג אין דער אידישער אנפאנג אין דער אידישער פרעסע פון ארגענטינע און אייראפע, און זיי האבן דאס ארויסגערופן די נויטווענדיקייט פאר א אידישער פרעסע אין בראזיל, וועלכע האט זיך אנגעהויבן צו באווייזן אין דעם ווייטן דרום-בראזיל צוריק מיט פערצן יאר, ביז זי האט איר ווירקלאכן תקון געפונען אין דער "אידישער פאלקס צייטונג", אין ריא דע זשאנאירא, און זי ווערט טאקע געלייטעט פונ'ם פייאיקן העברייאיש-אידישן דיכטער אין דרום אמעריקע, שבתי קאראקושאנסקי, א יונגער אינטעליגענט פון בעסאראביע וואס האט אימיגרירט קיין בראזיל מיט אכט יאר צוריק.

אין אלגעמיין שאפט זיך דארט דאס אידישע לעבן מיט א גרויסן אימפעט.

אין משך פון פינף יאר זיינען געשאפן געווארן אכצן העברייאיש אידישע שולן. אין 1929 איז אין ריא דע זשאנאירא פארגעקומען א לערער-צוזאמענפאר, צום ערשטן מאל אין דרום-אמעריקע, וועלכער האט אינ'ם געזעלשאפטלאך-קולטורעלן לעבן פון די אידן אין בראזיל פארצייכנט א גרויסן דערפאלג. בראזיל איז אויך אין משך פון דעם ערשטן יאר פון דער גרינדונג פונ'ם אידישן וויסנשאפטלאכן אינסטיטוט אין ווילנע געווען איר איינציקער שטיצפונקט אין דרום אמעריקע.

("איטא").

משה טעמע

(דערציילונג)

פון אביגדור שפריצער

משה טעמע — אזוי האט מען אים גערופן.

— סטיטש משה, ווי קאן עס געמאלט זיין א נאמען משה טעמע? משה איז דאך א נאמען פון א זכר און טעמע איז דאך א נאמען פון א נקבה . . .

— משה, ווי איז דאס מעגלאך?

— משה?

— משה . . .

אזוי פלעגן אים חברה יונגאטשעס אימער ארומרינגלען און זיך צו אים צוטשעפען, ער זאל זיי דערקלערן ווי אזוי עס נעמט זיך צו אים דער נאמען משה-טעמע.

און ער פלעגט בלייבן שטיין כלומר'שט פארטראכט. דאס פנים צונויפגעקנייטשט און ארויסשטעלן א מויל ציין — שפיציקע, איבערגעבראכענע און צעפוילטע, מיט אלע פינגער פון א האנט פלעגט ער אננעמען איינעם פון די ציין און אים דליבען און קראצן, און אין דער כלומר'שטער פארטיפקייט פלעגט ער נעמען זייער משונה'דיק ווינקען מיט די אויגן.

די יונגאטשעס האבן אים געהאלטן אין איין אונטערמונטערן:

— משה טעמע . . .

— משה . . .

— ווי אזוי?

און נאך א לאנגער פאר'תמ'טקייט פלעגט ער נעמען ענטפערן, אין א טאן ווי מען רעדט צו זיך אליין:

— טאקע, ניט מעגלאך . . . משה . . . א נאמען פון א זכר . . . טעמע . . . א נאמען פון א נקבה . . . טאקע? ניט מעגלאך! . . . טאקע גערעכט. טאקע גערעכט, איכ'ל פרעגן רויזען. רויזע וועט מיר שוין זאגן . . . זי וועט מיר זאגן . . .

דא פלעגן יונגאטשעס ארויסשיסן מיט א געלעכטער:

— רויזען?

— וועסט פרעגן רויזען?

— ווער איז די רויזע?

אזוי פלעגט אוועקגיין א סדרה — רויזע, — אז ער האט ניט געקאנט פטור ווערן. און וואס מער ער האט זיך גענומען צום הארצן, אלץ מער האבן זיך חברה צו אים געטשעפעט. א מין טריפה הנאה האבן זיי אין דעם געפילט, אז זיי האבן זיך ניט געקאנט פון אים אפרייסן.

ווער די רויזע איז און וואס פאר א שייכות משה טעמע האט מיט איר, האט געוואוסט כמעט יעדער.

ס'איז געווען איינגעפירט פון יארן, אז ווען אין שטעטל איז געקומען אזא משה טעמע צו אן אנדער האלב אדער גאנץ משוגענער, איז אדער מען פלעגט אים אנווייזן צו רויזען, אדער ער פלעגט אליין פאלן אויפ'ן שכל אז עס מוז אודאי זיין א רויזע און ווערן דארט א בן בית.

און וואס עפעס ביי די צעדרייטע — איז רויזע? זייער מאמע, זייער חבר'טע, זייער אלץ, איז רויזע די זייגערמאכערן.

אזוי פלעגט מען זי רופן — רויזע די זייגערמאכערן — כאטש איר מאן אפילו, וואס האט יא עפעס געהאט א שייכות מיט זייגערס, האט אבער קיין זייגערס ניט געהאט, ווייל ער האט ניט געקאנט ווי געהעריק פארריכטן . . . אבער איר האט מען גערופן — רויזע די זייגערמאכערן.

— און אט די רויזע, — ניט קוקנדיק אויף איר שיינער וואוינונג, וואו אלץ האט געמוזט זיין אויפ'ן ארט און אפגעפייניגט און אפגעטאקט, מיט גלאנץ און מיט פוץ. ניט קוקנדיק אויף דעם אלעמען — האט כמעט יעדער געוואוסט, אז זי נעמט אויף און האלט ביי זיך, ווער עס פארבלאנדזשעט אין שטעטל אריין, ווי נאר עפעס אן אנשיקעניש, א משוגענעם א צעדרייטן.

זיי, רויזע און העריץ איר מאן, האבן קיין קינדער ניט געהאט און האבן שוין ניט געהאפט צו האבן. פלעגן זיי ליב האבן זיך אפצוגעבן מיט פארשיידענע פארשפיקענישן . . . א חוץ הינער, גענז און אנדערע עופות, האט מען געקאנט ביי זיי טרעפן: א ווייסע קאץ און א שווארצע קאץ; א גרויסן הונט און א קליין הינטעלע; טויבן און נאך און נאך. און יעדערס האט געהאט א באשטימט ארט, א באשטימטע שפייז. מען האט זיך מיט זיי אפגעגעבן ווי מיט קינדער.

די עלנטע, וואס האבן זיך דארט אויפגעהאלטן זיינען שוין ניט אזוי שטארק געפעסטעט און געצערטלט געווארן, אבער זיי האבן זיך אויך זייער גוט געפילט, און משה טעמע — אמבעסטן.

משה טעמע האט צו זיי גאר א באזונדער מזל געהאט. זיי פלעגן שטארק אנקוועלן פון זיינע משוגענע שטיק, פון זיינע תמ'עוואטע חכמה'לאך. און האבן דערפאר מער געליטן פון זיין אומריינקייט און פון זיינע שפיצלאך, אפטוענישן. און זיי האבן אים געוואשן און געפוצט און אים באשיצט פון דער באנדע יונגאטשעס, וואס האבן געהאלטן אין איין טשעפען זיך צו אים און רייסן פון אים שטיקער לעבעדיקערהייט.

— משה . . .

— טעמע . . .

און א רים און א פליק, איינער דא און א צווייטער דארט. און האבן צעהעלפט און צעפעדערט, צעשטריקלט און צעפיצעלט, זיין אזוי אויך גענוג אפגעריסן מלבוש . . .

— עכ'ל אייך געבן א קללה, — פלעגט ער אין אזא פארלעגנהייט אויסשרייען און, וועלנדיק זיך ראטעווען, איבער'חזר'ען און פארשטארקערן:

— כ'על אייך געבן א קללה, א ווייסטע קללה!

און ווען דאס אלץ האט ניט געהאלפן, פלעגט ער פראווען זיין לעצט מיטל:

— כ'על דערציילן רויזען! כ'על דערציילן רויזען!

און אז חברה האבן אויף דעם אלעמען ניט געקוקט און גענומען אים דערגיין די יארן:

— משה . . .

— טעמע . . .

— ווי הייסטו?

— ווי רופט מען דיך?

— ווי א זכר?

— ווי א נקבה . . .

— און זיי האבן זיך בשום אופן פון אים ניט געוואלט אפטשעפען, פלעגט ער בלייבן שטיין כלומר'שט פארטראכט דאס פנים צונויפגעקנייטשט און ארויסשטעלן א מויל ציין — שפיציקע, איבערגעבראכענע און צעפוילטע. מיט אלע פינגער פון א האנט פלעגט ער אננעמען איינעם פון די ציין און אים דליבען און קראצן. און אין דער כלומר'שטער פארטיפטקייט פלעגט ער נעמען משונה'דיק ווינקען מיט די אויגן. און נאך א לאנגער פאר'תמ'קייט פלעגט ער זיך מארנע צעשמייכלען:

— הא . . . א זכר? א נקבה? . . . טאקע גערעכט, גערעכט, משה . . . טעמע.

ס'איז געווען גענוג פארשטייט זיך, איין בליק אויף אים צו טאן, אז מען זאל באלד דערזעען, אז מען האט דא פאר זיך א ניט נארמאלן מענש. טאמער איז אבער אויסגעקומען צו געפינען זיך לעבן אים אין דער טונקל און אים הערן ריידן, האט באין אופן ניט געקאנט איינפאלן, אז דאס רעדט עפעס א משה טעמע, א צעדרייטער. מען האט אלע מאל געהאט דעם איינדרוק, אז עס דרשנ'ט עפעס א למדן מופלג, וועלכער איז אויך א באהאוונטער אין וועלטלאכע זאכן.

אבער נאר אין דער טונקל און באלד ווי עס פלעגט נאר ליכטיק ווערן, איז ווי איבערגעביטן, אן אנדערער. ער פלעגט זיך פאר'תמ'ט צעשמייכלען, און . . .

"אז מען זאגט משוגע זאלסטו גלויבן!" ——

יונגאטשעס פלעגן ווען אים איבערקייען פארשיידענע דערציילונגען.

ביי א טייל איז אויסגעקומען, אז ער איז אמאל נכשל געווארן און געזינדיקט מיט אן אשה. טעמע האט זי געהייסן, און דאס האט ער זיך אזא תשובה אויסגעקליבן, ארומצוואנדערן און זיך מאכן צו שאנד און צו שפאט. און דערפאר רופט ער זיך משה טעמע צו האבן די בושה פאר די אויגן . . .

און א טייל האבן נאכדערציילט, אז ער האט זיך אמאל באנוצט מיט א "שם", אז דער שולחן זאל זיך הויבן און דער שולחן האט גענומען טאנצן אנטקעגן דעם ארון קודש . . . דאמאלט איז ער געשטרויכלט געווארן . . .

און איניקע ווידער זיינען זיכער געווען, אז טעמע איז זיין א געליבטע, וואס אים פארשטויסן, און ער האט געשווארן, אז ווי לאנג ער וועט צו איר ניט קומען, זאל ער ניט וויסן פון קיין לעבן.

די זעלבע פלעגן דערציילן, אז אמאל, נאך האלבער נאכט, איז מען פארביינגעגאנגען דעם איינגעפאלענעם בית-מדרש, האט מען פון דארט ארויסגעהערט א קול נגינה, וואס האט געמאכט דורכצוגליען א גרויל איבער'ן לייב. ווען מען איז צוגעגאנגען און אריינגעקוקט האט מען דערזען משה טעמע זיצט א צעבראסטעטער און רייסט זיך די האר פון קאפ און צעגיסט זיין הארץ אין א געזאנג, אין א תפילה, אין א געוויין:

"מיין בריילאנט אויף דער וועלט,
כ'קען צו איר ניט קומען!
וואו איך גיי און וואו איך שטיי,
ליגט זי מיר אין זינען.

אז איך גיב א דרימל,
שטעלט זיך מיר פאר:
אט גייט זי, אט שטייט זי,
אט רעדט איר מיט איר!"

און עס האבן זיך אויך געפונען אזעלכע לצים, וואס האבן געזאגט, אז ער איז גארניט מיט גארניט. משה טעמע, איז א משוגענער ווי אנדערע משוגענע און פארטיק.

אבער הערן אים ריידן זיינען אלע געוועזן בעלנים. נאר זייער שווער איז אנגעקומען ביז מען האט פון אים ארויסבאקומען א ווארט. אנשטאט ענטפערן, — פלעגט ער אפט, — פאר'תמ'ט און אפגעהאקט — פרעגן:

— הא? . . . וואס? טאקע? . . .

און ווייטער אומזיסט. קיין איין ווארט ניט מער. ווי צו דער וואנט.

דערפאר אבער, אז מען פלעגט אים פאקן ביי רויזען, איז ער געווען גאר אן אנדער מענש. מיט רויזעס דערלויבעניש, האט ער גערעדט און געזונגען און וואס מען האט נאר געוואלט.

אין שטעטל האט מען אויך גערעדט, אז די רויזע "לעקט אפ א ביינדל". די ארימע לייט באהאלטן ביי איר די צונויפגעקליבענע נדבות און ניט איינעם האט זי שוין פארגעסן אפצוגעבן. מען פלעגט אפילו דערציילן . . . אבער ווער ווייסט דען ניט וואס בייזע מיילער קאנען פלאפלען . . .

זי האט קיינמאל ניט געוואוסט פון קיין נויט. ביי איר אין שטוב איז געווען לוסטיק און פריילאך א מחיה. ווינטער כמעט יעדן אוונט, פלעגן זיך דארט צונויפקומען אלע אירע באקאנטע און אייגענע, דער פאריקנמאכער, דער קלעזמער, דער רופא, און נאך אנדערע, אלע וואוילע און לעבעדיקע חברה. אין דרויסן ביי די פענסטער פלעגט מען זיך ארומשטעלן הערן א שפיל, א זינג, א סקריפ, א לאך. אינוויניק אריינלאזן פלעגט מען ניט, א חוץ דעם רב'ס און דעם רעגירער'ס זון. זיי זיינען

(שלוס אויף זייט 3)